

# דעם רבינ'ס ליכט

שמות תשפ"ג
גליון 125

אַייערע קִינְדֶער זָאלְט אִיר מוֹדִיעַ זַיין
וָואס דָא הָאט זִיךְ גִיטָאן (שיהר"ן ר"ט)

## דער ריינער קוואל

**אַ גוּטְן שַׁבָּת פַאר אַלֶע לֶעכְטִיגֶע קִינְדֶער,**

יָאר תקס"ז, נָאךְ חֲנוּכָּה

דֶער הֵיילִיגֶער ר' נָתָן אִיז גֶעוֶוען בַּיים רֶבִּי'ן אוֹיף שַׁבָּת חֲנוּכָּה אוּן דֶערְנָאךְ אִיז עֶר אִיז גֶעפָארְן קַיין נֶעמִירוֹב בַּאזוּכְן זַיינֶע עֶלְטֶערְן. זַיין פָּאטֶער הָאט אִים שֵׁיין אוֹיפְגֶענוּמֶען אוּן אִים גֶעשֶׁענְקְט אַ מַתָּנָה. פוּן דָארְט הָאט ר' נָתָן גֶעוָוארְט צוּ טְרֶעפְן אַ פֶערְד אוּן וָואגְן צוּ קֶענֶען אַהֵיימְפָארְן קַיין מָאהְלוֹב, אָבֶער אָן עֶרְפָאלְג, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט טְרֶעפְן קַיין פֶערְד.

ר' נָתָן הָאט זִיךְ מְיַשֵּׁב גֶעוֶוען אַז עֶר וֶועט צוּרִיק פָארְן קַיין בְּרֶסְלֶב, אֶפְשָׁר וֶועט עֶר פוּן דָארְט טְרֶעפְן אַ פֶערְד אוּן וָואגְן אוּן אִינְאֵיינְוֶוענִיגְס וֶועט עֶר פַארְדִינֶען זִיךְ צוּ קֶענֶען נָאכְאַמָאל טְרֶעפְן מִיטְן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

ר' נָתָן טוּט לְמַעֲשֶׂה אוּן פָארְט קַיין בְּרֶסְלֶב. עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען דִינְסְטָאג בַּיינַאכְט ווִי עֶר שְׁרַייבְּט (אין ימי מוהרנ"ת חלק א' אות ט"ו), "יֶעצְט אִין חֹדֶשׁ טֵבֵת הָאבּ אִיךְ נָאכְנִישְׁט מְקַדֵּשׁ גֶעוֶוען דִי לְבָנָה אוּן דִי נַאכְט אִיז דָאס לֶעצְטֶע נַאכְט וָואס מֶען קֶען נָאךְ מַאכְן קִדּוּשׁ-לְבָנָה. סְ'אִיז גֶעוֶוען טוּנְקְל אוּן פַארְוָואלְקְנְט, סְ'אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין זֵכֶר




פוּן קַיין לְבָנָה אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט דֶערְפוּן גְרוֹיס צַעַר.

אִיךְ הָאבּ גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי'ן אוֹיבּ עֶר הָאט שׁוֹין גֶעמַאכְט קִדּוּשׁ לְבָנָה, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעעֶנְטְפֶערְט: "יָא".

הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט נָאךְ אַ גְרֶעסֶערֶע צַעַר. דֶער רֶבִּי הָאט מִיר גֶעפְרֶעגְט: "פַארְוָואס בִּיסְטוּ אַזוֹי אִין אַ מָרָה-שְׁחוֹרָה?!"

אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁווִיגְן!

אֵיינֶער הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן 'ווַייל דִי לְבָנָה בַּאווַייזְט זִיךְ נִישְׁט', הָאט מִיר דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "זֵיי מִתְפַּלֵּל אוֹיף דֶעם".

"אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעבֶּעטְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף דֶעם," הָאבּ אִיךְ זִיךְ אָנְגֶערוּפְן.

הָאט דֶער רֶבִּי ווִידֶער גֶעזָאגְט: "דַאוֶוען נָאכְאַמָאל אוֹיף דֶעם".

אִינְדֶערְצְווִישְׁן אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען אַ אִיד אוּן זִיךְ אָנְגֶערוּפְן: "דִי לְבָנָה הֵייבְּט זִיךְ אָן בַּאווַייזְן פוּן צְווִישְׁן דִי וָואלְקֶענֶעס.

הָאט דֶער רֶבִּי מִיר גֶעזָאגְט: "גֵיי שׁוֹין אוּן מַאךְ דִי בְּרָכָה, נִישְׁט קַיין חִילוּק וויַאזוֹי דִי לְבָנָה קוּקְט אוֹיס אִין דִי וָואלְקֶענֶעס".

אִיךְ בִּין אַרוֹיס אִין גַאס אוּן גֶעזֶען אַז דִי לְבָנָה אִיז פַארְדֶעקְט מִיט וָואלְקֶענֶעס, מֶען הָאט נָאר גֶעזֶען אַבִּיסְל פוּן דִי לְבָנָה, אִיךְ הָאבּ זִיךְ נִישְׁט צוּגֶעאַיילְט צוּ מַאכְן גְלַייךְ דִי בְּרָכָה אוּן אַזוֹי אִינְצְווִישְׁן אִיז דִי לְבָנָה אִינְגַאנְצְן גֶעוָוארְן

המשך אויף זייט 7

# לֵייבֶּעלֶע
## פארזעצונג #2

יִשְׂרָאֵל מֵאִיר הָאט זִיךְ לַיידֶער גֶע'חַבֶרְ'ט מִיט דִי פּוֹיעֶרְן אוּן אִיז גֶעפַאלְן מֶער אוּן מֶער פוּן אִידִישְׁקַייט. אִין שְׁטֶעטְל נַאלְטְשׁוֹב אִיז אַרוּמְגֶעגַאנְגֶען נִישְׁט קַיין גוּטֶע שְׁמוּעוֹת. וֶוער עֶס הָאט גֶעהֶערְט וָואס ס'אִיז גֶעשֶׁען צוּ יִשְׂרָאֵל מֵאִיר אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן אוּן צֶעשׁוֹידֶערְט. קֵיינֶער הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעוַואגְט צוּ גֵיין רֶעדְן צוּ אִים אוּן אִים אִיבֶּערְרֶעדְן עֶר זָאל זִיךְ צוּרִיקְקֶערְן צוּ זַיין אַמָאלִיגְן אִידִישְׁן וֶועג, וַוייל מֶען הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט אַלֵיין וֶוערְן אָנְגֶעשְׁטֶעקְט מִיט זַיינֶע נִישְׁט גוּטֶע מַעֲשִׂים. עֶס הָאט אוֹיסְגֶעזֶען אַז סְ'אִיז לְאַחֵר-יִאוּשׁ, נִישְׁטָא וָואס צוּ טוּן מִיט אִים. אַלֶע מֶענְטְשְׁן הָאבְּן זִיךְ דֶערְוַוייטֶערְט פוּן אִים אַזוֹי וִוי פוּן אַ מְצוֹרָע.

אוּן וָואס אִיז גֶעשֶׁען צוּ לֵייבֶּעלֶע זַיין זוּן? אַז דֶער טַאטֶע הָאט נִישְׁט גֶעקוּקְט אוֹיף זִיךְ, זִיכֶער אִיז אִים נִישְׁט אָנְגֶעגַאנְגֶען פוּן זַיין לֵייבֶּעלֶע, אוּן וָואס זָאל טוּן אַ אִינְגֶעלֶע אַז זַיין טַאטֶע אִיז נֶעבֶּעךְ אַזוֹי פַארְגֶרֶעבְּט?

לֵייבֶּעלֶע הָאט זִיךְ אַרוּמְגֶעדְרֵייט פְרַאנְק אוּן פְרֵיי קֵיינֶעם הָאט אִים נִישְׁט גֶעזָאגְט קַיין וָוארְט, עֶר הָאט זִיךְ אָנְגֶעטְרָאפְן מִיט לֵיידִיגֵייעֶרְס אוּן פּוּסְטֶע יוּנְגֶען אוֹיף דִי גַאסְן וָואס פַארְבְּרֶענְגֶען דִי נֶעכְט מִיט טְרִינְקֶען בִּיר, אוּן פַארְרֵייכֶערְן אַלְטֶע פַּאפִּירֶענֶע צוּגַארֶעס אוּן נָאךְ שְׁטוּתִים אוּן נַארִישְׁקַייטְן.

וֶוען לֵייבֶּעלֶע אִיז גֶעוָוארְן אַבִּיסְל עֶלְטֶער, אוּן זַיין טַאטֶע יִשְׂרָאֵל מֵאִיר הָאט גַאנְץ גוּט גֶעוואוּסְט וָואסְפַארַא גוּטְן נָאמֶען עֶר טְרָאגְט אִין שְׁטֶעטְל, קֵיינֶער וֶועט זִיךְ נִישְׁט וֶועלְן מִיט אִים מְשַׁדֵךְ זַיין, מִיט זַיין צַדִיקְ'ל לֵייבֶּעלֶע, אִיז עֶר אוֹיפְגֶעקוּמֶען מִיט אַ פְּלַאן אָבֶּער דִי פְּלַאן אִיז זִיכֶער גֶעקוּמֶען פוּן יִאוּשׁ. וֶועלְכֶע פְּלַאן הָאט לֵייבֶּעלֶעס טַאטֶע?



דער אפרו דארף נאלטשוב היינט-צו-טאג

אֵיין טָאג זֶעצְט זִיךְ דֶער טַאטֶע אַרָאפּ מִיט לֵייבֶּעלֶע אוּן זָאגְט אִים קְלָארֶע וֶוערְטֶער: "גֶעבּ אַ קוּק לֵייבְּל, דוּ בִּיזְט שׁוֹין אִין דִי יָארְן וָואס דַיינֶע חֲבֵרִים שְׁטֵייעֶן שׁוֹין אִין שִׁידוּכִים אוּן שְׁטֶעלְן אוֹיף אַן אֵייגֶענֶע שְׁטוּב, אָבֶּער דוּ וֵוייסְט גַאנְץ גוּט אַז צְוִוישְׁן דִי אִידְן הָאבְּן אוּנְז נִישְׁט וֶוער סְ'זָאל דִיר וֶועלְן גֶעבְּן זַיין טָאכְטֶער פַאר אַ כַּלָה, אִיךְ זֶע נִישְׁט וֶוער סְ'זָאל דִיר נָאכְלוֹיפְן, דוּ

קֶענְסְט נָאךְ בְּלַייבְּן אַ שְׁטְרוֹיעֶרְנֶער בָּחוּר דַיין גַאנְץ לֶעבְּן...״

נָאךְ אַזַא טְרוֹיעֶרִיגֶע הַקְדָּמָה זָאגְט דֶער טַאטֶע: ״הֶער מִיךְ צוּ, אֵיין עֵצָה הָאבּ אִיךְ פַאר דִיר, אוֹיבּ דִי וֶועסְט אָנְנֶעמֶען דִי עֵצָה וֶועסְטוּ מֶער נִישְׁט בְּלַייבְּן פַארְשֶׁעמְט און עֶס וַוארְט דִיר נָאכְדֶעם אַ גְלַאנְצִיגֶע פְרֵיילִיכֶע לֶעבְּן״. און דֶער טַאטֶע הֵייבְּט אִים יֶעצְט אָן אִיבֶּערְצוּרֶעדְן נִישְׁט מֶער נִישְׁט וֵוינִיגֶער... אַז לֵייבֶּעלֶע זָאל חֲתוּנָה הָאבְּן מִיט דִי טָאכְטֶער פוּן אֵיינֶעם פוּן דֶעם טַאטְנְ׳ס חֲבֵרִים. אֵיינֶער פוּן דִי פוֹיעֶרְן פוּן דִי נָאנְטֶע שְׁטֶעטֶעלֶעך גְרַאדֶע אַן עוֹשֶׁר, עֶר וֶועט זִיךְ זִיכֶער פְרֵייעֶן דִיךְ צוּ נֶעמֶען פַאר אַן אֵיידֶעם. יִשְׂרָאֵל מֵאִיר הֶערְט נִישְׁט אוֹיף צוּ בַּאגִיסְן לֵייבְּל און מִיט זַיין פוּלֶע מוֹיל שְׁפַּייעֶכְטְס אִיז עֶר אִים מַסְבִּיר וָואס עֶס וַוארְט אִים אָפּ, וָואסֶערֶע שֵׁיינֶע וִוילַא און פֶעסְטֶע פֶערְד און וָואגְן עֶר וֶועט בַּאקוּמֶען אוֹיבּ עֶר נֶעמְט אָן דֶעם פָארְשְׁלָאג.

״אָבֶּער... אֵיין זַאךְ דַארְפְסְטוּ טוּן,״ זָאגְט דֶער טַאטֶע פַאר לֵייבְּל, ״דוּ וֶועסְט זִיךְ דַארְפְן אָפִּיצִיעֶל שְׁמַדְ׳ן אִין קְלוֹיסְטֶער״.

לֵייבְּל אִיז גֶעוָוארְן עֶרְשְׁטוֹינְט און דֶערְשְׁרָאקְן אַז דִי הָאר פוּן קָאפּ הָאבְּן זִיךְ אִים אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט!

זַיין טַאטֶע הָאט אִים גְלַייךְ בַּארוּאִיגְט. ״זָאלְסְט זִיךְ נִישְׁט וואוּנְדֶערְן אַז אִיךְ טְרָאג דִיךְ אָן אַזַא פְּלַאן, אִיךְ אִין דַיינֶע יָארְן וָואלְט אוֹיךְ גֶעטוּן אַזַא שְׁרִיט, יֶעצְט בִּין אִיךְ שׁוֹין צוּ אַלְט פַארְדֶעם, אָבֶּער דוּ בִּיסְט נָאךְ אִינְג עֶס וַוארְט דִיךְ נָאךְ אַ שֵׁיין לֶעבְּן.״

ליינט אי״ה קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ וָואס עֶס אִיז גֶעשֶׁען וַוייטֶער מִיט לֵייבְּל. און בִּיזְדֶערְוַוייל לָאמִיר דַאנְקְן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר זֶענֶען אִידִישֶׁע קִינְדֶער ״שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גּוֹי, שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גּוֹי, יֶעדְן טָאג מַאכְן מִיר דִי בְּרָכָה אַזוֹי.״


# פארלוירן?!

הייליגער באשעפער, ביטע העלף מיך טרעפן דעם וועג צום רבי'ן!



מתמידים והודעתם לבניך וועט דיך בעז"ה העלפן דערנענטערן צום רבי'ן.



אמעריקע 646-585-2977
ענגלאנד 020-376-97807
ארץ ישראל 0733-517202

# א שמועס מיט'ן זיידן




זֵיידֶע: בֶּערֶעלֶע, אִיךְ פְּרֵיי מִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק אַז דוּ קוּמְסְט מִיר בַּאזוּכְן, בִּיסְט אַ וואוּיל אִינְגְל, נָאךְ אַ לַאנְגְע טָאג אִין חֵדֶר וֶועלְסְטוּ אוֹיס צוּ קוּמֶען דָא צוּ מִיר אִין הוֹיז, אַרוֹיסְהֶעלְפְן זֵיידִי...

בֶּערְל: אַוַודַאי הָאבּ אִיךְ אוֹיסְגֶעוֶועלְט דָא צוּ קוּמֶען, אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר לִיבּ צוּ רֶעדְן מִיט זֵיידִי. דִי דִיבּוּרִים וָואס מִיר רֶעדְן צוּזַאמֶען גֵייט מִיט מִיר אַ גַאנְצְן טָאג.

זֵיידֶע: ס'אִיז גָאר נִישְׁט פָּשׁוּט וָואס אַ קִינְד אִיז בּוֹחֵר – עֶר טוּט אוֹיסְוֶועלְן. יֶעדֶע בְּחִירָה וָואס אַ מֶענְטְשׁ וֶועלְט אוֹיס הָאט אַ גְרוֹיסֶע הַשְׁפָּעָה אוֹיפְן לֶעבְּן פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, אַמָאל צוּם גוּטְן אוּן אַמָאל חַס וְשָׁלוֹם פַארְקֶערְט... דֶער רֶבִּי זַ"ל שְׁרַייבְּט (אִין תּוֹרָה ק"י צְוֵוייטְן חֵלֶק) אַז אֵייבִּיג אֵייבִּיג אִיז דָא בְּחִירָה פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם! יֶעדֶע מִינוּט קֶען מֶען אוֹיסְקְלַייבְּן צוּ גֵיין אִין דִי גוּטֶע וֶועג.

בֶּערְל: וָואס? אוֹיךְ קִינְדֶער אַזוֹי וִוי מִיר הָאבְּן אַ בְּחִירָה?? אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט אַז דָאס רֶעדְט מֶען פַאר גְרוֹיסֶע מֶענְטְשְׁן.

זֵיידֶע: זִיכֶער בֶּערֶעלֶע, בְּחִירָה הָאט יֶעדֶער אֵיינֶער קְלֵיין אוּן גְרוֹיס. גֶעבּ אַ קוּק, אַז דוּ קוּמְסְט אִין חֵדֶר, דֶער רֶבִּי הֵייסְט עֶפֶענֶען דִי סִדּוּרִים אוּן דַאוֶוענֶען, דָאס מוּזְן אַלֶע קִינְדֶער טוּן אָן אוֹיסְנַאם, אוֹיף דֶעם אִיז נִישְׁטָא קַיין בְּחִירָה. אָבֶּער וָואס יָא? דֶערְנָאךְ הָאט יֶעדֶער אַ בְּחִירָה, מֶען קֶען זִיךְ נֶעמֶען מוּרְמְלֶען דִי וֶוערְטֶער אוּן קוּקְן אוֹיף דִי פֵייגֶעלֶעךְ וָואס פְלִיעֶן אִינְדְרוֹיסְן פוּן פֶענְסְטֶער.... אוּן מֶען קֶען זִיךְ אוֹיךְ אוֹיסְקְלַייבְּן צוּ דַאוֶוענֶען עֶרְלִיךְ הוֹיךְ מִיט כַּוָונָה אַזוֹי וִוי ס'דַארְף צוּ זַיין.

פַארְשְׁטֵייסְט בֶּערֶעלֶע? דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "אִם רוֹצֶה עוֹשֶׂה, וְאִם אֵינוֹ רוֹצֶה אֵינוֹ עוֹשֶׂה"... אַז דֶער מֶענְטְשׁ וִויל טוּט עֶר, אוּן אַז עֶר וִויל נִישְׁט טוּט עֶר נִישְׁט! אַלֶעס וֶוענְדְט זִיךְ אִין דִי בְּחִירָה פוּן דֶעם מֶענְטְשׁ.

אַסַאךְ מָאל קֶען אַ קְלֵיין גוּטֶע בְּחִירָה פוּן אַ קִינְד אִין זַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן זַיין אַזוֹי קְרִיטִישׁ ווִיכְטִיג אוּן ס'הָאט אַ הַשְׁפָּעָה אוֹיף דוֹרֵי דוֹרוֹת... הָאסְט גֶעהֶערְט אַמָאל פוּן דֶער חָסִיד ר' יִשְׂרָאֵל נַחְמָן בּוּרְשְׁטֵיין זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה?

בֶּערְל: יָא, אִיךְ מֵיין אַז עֶר אִיז אַן עֶלְטֶער זֵיידֶע פוּן מַיין חָבֵר אִין כִּתָּה.

זֵיידֶע: אַזוֹי? הֶער זִיךְ צוּ אַ מוֹרָא'דִיגֶע מַעֲשֶׂה וֶועסְטוּ זֶען וָואס מֵיינְט אַ בְּחִירָה אוֹיפְן לֶעבְּן. וֶוען ר' יִשְׂרָאֵל נַחְמָן בּוּרְשְׁטֵיין אִיז גֶעוֶוען אַ קִינְד - אִיךְ מַיין אִין אַ עֶלְטֶער פוּן צְוֶועלֶעף יָאר - אִיז אֵיינְמָאל צוּגֶעקוּמֶען צוּ אִים אַ חָבֵר פוּן שׁוּל, אוּן רוּימְט אִים אַרַיין אִין אוֹיעֶר: "יִשְׂרָאֵל נַחְמָן, ווִילְסְט זֶען אַ שֵׁיינֶע זַאךְ?"

"יָא," הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט "וֶוער וִויל נִישְׁט זֶען שֵׁיינֶע זַאכְן?!" הָאט דֶער חָבֵר אִים גֶענוּמֶען

אִין אַ שְׁטִילֶע ווִינְקְל אוּן נֶעמְט אַרוֹיס פוּן טַאש אַ שִׁיסֶער – אַ רֶעוואָלְוֶוער!

בֶּערְל: אַן אֱמֶתֶע?

זֵיידֶע: אַוַודְאַי! ר' יִשְׂרָאֵל נַחְמָן אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין נַאר... דָאס אִיז גֶעוֶוען אַ אֱמֶתְ'ע שִׁיסֶער! הַיינְט מַאכְט זִיךְ נִישְׁט אַזֶעלְכֶע זַאכְן אָבֶּער אִין יֶענֶע צַייט, פַּאר אַרוּם אַכְצִיג יָאר צוּרִיק, אִיז דָאס גָארְנִישְׁט גֶעוֶוען קַיין ווִאוּנְדֶער. עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ צַייט פוּן אַ מִלְחָמָה, דִי צִיּוֹנִים הָאבְּן גֶעוָואלְט אַיינְנֶעמֶען אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעטֵיילְט גֶעוֶוער אַזוֹי וִוי בָּאמְבֶּעס, שִׁיסֶערְס אוּן בִּיקְסְן פַּאר וֶוער עֶס ווִיל זִיךְ קְרִיגְן פַּאר זֵייעֶרֶע פַארְשָׁאלְטֶענֶע מַטָּרוֹת. אוּן לַיידֶער הָאבְּן זִיךְ זֵייעֶר אַסַאךְ אִידִישֶׁע קִינְדֶער פַארְשְׁלֶעפְּט. וֶוער עֶס אִיז גֶעגַאנְגֶען מִיט זֵיי אִיז רַחֲמָנָא לִצְלַן אִינְגַאנְצְן פַּארְפָארְן גֶעוָוארְן פוּן אִידִישְׁן וֶועג. אַסַאךְ פוּן דִי פְּרַייעֶ אָדֶער הַאלְבּ פְּרַייעֶ הַיינְט, זֶענֶען זֵייעֶרֶע אֵיינִיקְלֶעךְ.

בְּקִצּוּר ר' יִשְׂרָאֵל נַחְמָן אִיז גֶעבְּלִיבְּן שְׁטֵיין אַזוֹי צוּטוּמְלְט אַנְטְקֶעגְן זַיין חַבֶר אוּן פְּרֶעגְט אִים, "פוּן ווַאוּ הָאסְטוּ דָאס?" הָאט אִים דֶער חַבֶר גֶעזָאגְט "אִיךְ הָאבּ עֶס בַּאקוּמֶען..., אוֹיבּ דוּ וֶועסְט קוּמֶען מִיר מָארְגְן נַיין אַזֵייגֶער, וֶועסְטוּ אוֹיךְ בַּאקוּמֶען אַזַא שִׁיסֶער!"

ר' יִשְׂרָאֵל נַחְמָן אִיז אַהֵיים גֶעגַאנְגֶען אִינְגַאנְצְן צֶעמִישְׁט, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט מִיט וֶועמֶען צוּ רֶעדְן וֶועגְן דֶעם, זַיין טַאטֶע אִיז גֶעוֶוען פַארְכַאפְּט אִין יֶענֶע צַייט אִין גֶעפֶענְגֶענִישׁ אִין יַרְדֵן, אוּן זַיין מַאמֶע הָאט עֶר נִישְׁט גֶעוָואלְט אִיבֶּערְשְׁטְרֶענְגֶען מִיט אַזֶעלְכֶע זַאכְן. עֶר הָאט זִיךְ גֶעלֵייגְט שְׁלָאפְן אוּן אַ גַאנְצֶע נַאכְט הָאט עֶר זִיךְ גֶעדְרֵייט אוּמְרוּאִיג אִין בֶּעט אוּן נִישְׁט גֶעקֶענְט שְׁלָאפְן. דִי פֶּעסְטֶע שִׁיסֶער אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אַנְטְקֶעגְן זַיינֶע אוֹיגְן מִיט פוּלְן גְלַאנְץ, אוֹיבּ עֶר גֵייט, קֶען עֶר מָארְגְן נַיין אַזֵייגֶער בַּאקוּמֶען אַזַא שִׁיסֶער! אָבֶּער פוּן צְוֵוייטְן זַייט הָאט עֶר גֶעווּאוּסְט ווַאוּ זַיין חַבֶר ווִיל אִים נֶעמֶען... עֶר הָאט גֶעווּאוּסְט אַז וֶוער עֶס גֵייט דָארְט צוּ דִי בַּאנְדֶעס פוּן דִי צִיּוֹנִים בְּלַייבְּט נִישְׁט ווּאוֹיל אוּן עֶרְלִיךְ. עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט אַז זַיין מַאמֶע וֶועט וֶוערְן אַזוֹי צוּבְּרָאכְן אוֹיבּ עֶר וֶועט פַארְפִירְט וֶוערְן מִיט יֶענֶעם חַבֶר. אָבֶּער דִי שִׁיסֶער... עֶר הָאט אַזוֹי גֶעגְלוּסְט צוּ הָאבְּן אַזַא שִׁיסֶער אַזוֹי וִוי זַיין חַבֶר! מַמָּשׁ פַארְטָאגְס פַאר דִי זוּן הָאט אוֹיפְגֶעשַׁיינְט הָאט עֶר בַּאשְׁלָאסְן בַּיי זִיךְ אַז עֶר קְלֵייבְּט אוֹיס דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג, זָאל זַיין וָואס זָאל זַיין עֶר גֵייט נִישְׁט גֵיין מִיט זַיין חַבֶר בְּשׁוּם אוֹפָן!

אוֹיפְצוּמָארְגְנְס אִיז עֶר צוּרִיקְגֶעקוּמֶען גְלַייךְ פוּן חֵדֶר אוּן אִיז נִישְׁט גֶעגַאנְגֶען מִיט זַיין חַבֶר! וֵוייסְטוּ בֶּערֶעלֶע וָואס אִיז גֶעוָוארְן צוּם סוֹף? יֶענֶער חַבֶר אִיז אִינְגַאנְצְן פַארְשְׁלֶעפְּט גֶעוָוארְן אוּן הָאט אָפְּגֶעלָאזְט אִינְגַאנְצְן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אוּן דִי לִיכְטִיגֶע מִצְוֹות, נֶעבֶּעךְ נֶעבֶּעךְ, קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט הַיינְט פוּן אִים אוּן נִישְׁט פוּן זַיינֶע קִינְדֶער... אָבֶּער אוּנְזֶער ר' יִשְׂרָאֵל נַחְמָן הָאט אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט אַ עֶרְלִיכֶע שְׁטוּבּ מִיט קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ דוֹרוֹת בִּיזְן הַיינְטִיגְן טָאג וָואס דִינֶען דֶעם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער. זַיין נָאמֶען אִיז פַארְאֵייבִּיגְט גֶעוָוארְן לְעוֹלָם וָעֶד. וִויפִיל אֵיינִיקְלֶעךְ הָאט עֶר וָואס וֶוערְן גֶערוּפְן אוֹיף זַיין נָאמֶען? וִויפִיל לֶערְנֶען מִשְׁנָיוֹת לְעִלּוּי נִשְׁמָתוֹ? וִויפִיל לֶערְנֶען זִיךְ אָפּ פוּן זַיינֶע מִצְוֹות וּמַעֲשִׂים טוֹבִים? דָאס אַלֶעס וַוייל עֶר הָאט גֶעמַאכְט אַ קְלֵיינֶע הַחְלָטָה אֵיין נַאכְט, וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ יוּנְג קִינְד!

# ר׳ הֶערְשׁ וַוייסְלִיב דֶער מְחֻתָּן פוּן ר׳ נַחְמָן פוּן טוּלְטְשִׁין זי״ע

וואוּ אִיז עֶזְרִיאֵל?! וָואס הֵייסְט וואוּ, מֶען הָאט אִים צוּגֶענוּמֶען פַאר אַ זֶעלְנֶער, עֶר גֵייט נִישְׁט זַיין אִינְדֶערְהֵיים פַאר פִינְף יָאר, וַוייל דִי רוּסִישֶׁע מִילִיטֶער הָאט אִים פַארְכַאפְּט אַזוֹי וִוי זֵיי כַאפְּן צוּ אַלֶע בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט אִין דִי יָארְן וֶוען זֵיי דַארְפְן דִינֶען אִין מִילִיטֶער וִוי בַּאוואוּסְט אַלְץ קַאנְטָאנִיסְטְן.

אוֹי וֵויי, טַאטֶע אִין הִימְל וָואס וֶועט דָא זַיין? עֶזְרִיאֵל הָאט קוֹים חֲתוּנָה גֶעהַאט אוּן שׁוֹין הָאט מֶען אִים פַארְכַאפְּט אִין מִילִיטֶער?!

עֶזְרִיאֵל הָאט גֶעהַאט זֵייעֶר אַ חָשׁוּבְ׳ן טַאטְן ר׳ הֶערְשׁ וַוייסְלִיבּ, דֶער ר׳ הֶערְשׁ הָאט אָפְּגֶעמַאכְט בַּיי זִיךְ ״זַיין עֶזְרִיאֵל וֶועט זַיין אַ זֶעלְנֶער פִיר יָאר, אוּן עֶר וֶועט נִישְׁט הָאבְּן קַיין בְּנֵי בַּיִת, עֶר וֶועט וואוֹינֶען אַלֵיין אָן אַ וַוייבּ? וִוי קֶען דָאס זַיין אִין דֶער וֶועלְט״?!

אִיז גֶעגַאנְגֶען ר׳ הֶערְשׁ, דָארְטְן אִיז גֶעוֶוען עֶפֶּעס אַ שְׁטֶעטְל וואוּ עֶזְרִיאֵל הָאט גֶעדִינְט אִין מִילִיטֶער, הָאט ר׳ הֶערְשׁ זִיךְ אַרוֹיסְגֶעצוֹיגְן דָארְטְן! אוּן עֶר הָאט אַרוֹיסְגֶענוּמֶען זַיין שְׁנִיר – דִי וַוייבּ פוּן עֶזְרִיאֵל – אִין דֶעם שְׁטֶעטְל! אַזוֹי אִיז עֶזְרִיאֵל גֶעוֶוען אַ אָדָם הַשָּׁלֵם דִי ״פִיר יָאר״!

אוּן אַזוֹי וִוי ר׳ הֶערְשׁ הָאט גֶעדַארְפְט פַּרְנָסָה אִין דֶעם שְׁטֶעטְל אִיז עֶר גֶעוֶוען אַ ׳מְלַמֵּד׳, בַּיי אֵיינֶעם אִין אַ שְׁטוּבּ, עֶר הָאט דָאךְ גֶעדַארְפְט אוֹיסְהַאלְטְן דִי שְׁנוּר מִיט דָאס קִינְד פוּן ר׳ עֶזְרִיאֵל הָאט עֶר זִיךְ פַארְדִינְגֶען פַאר אַ מְלַמֵּד.

דֶער ׳בַּעַל-הַבַּיִת׳ – וואוּ ר׳ הֶערְשׁ אִיז גֶעוֶוען דָארְטְן אַ מְלַמֵּד – אִיז גֶעוֶוען אַ פַארְנוּמֶענֶער מֶענְטְשׁ גֶעוֶוען, פְלֶעגְט עֶר דַאוְונֶען אִין שְׁטוּבּ ׳בִּיחִידוּת׳, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעדַאוְונְט ׳בְּצִבּוּר׳ אִין שׁוּל, נָאר אִין שְׁטוּבּ אוּן שׁוֹין!



אִיז אִים אַמָאל אַ קִינְד גֶעוָוארְן נִישְׁט גֶעזוּנְט, אוּן דִי דָאקְטוֹירִים הָאבְּן אִים מְיַאֵשׁ גֶעוֶוען דֶעם קִינְד, עֶר הָאט גֶעזֶעהְן אַז דֶער מְלַמֵּד ר׳ הֶערְשׁ – עֶר אִיז עֶפֶּעס אַ גְרוֹיסֶער מֶענְטְשׁ, עֶר הָאט גֶעזֶעהְן וִויאַזוֹי עֶר פִירְט זִיךְ אוֹיף, הָאט עֶר פַארְשְׁטַאנֶען אַז דֶער מְלַמֵּד אִיז נִישְׁט קַיין פְּרָאסְטֶער מֶענְטְשׁ, אִיז עֶר צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ אִים אוּן אִים גֶעזָאגְט; ״רֶבִּי הֶערְשׁ, דָאס קִינְד אִיז אַזוֹי שְׁלַאף, אוּן דִי דָאקְטוֹירִים זֶענֶען אִים מְיַאֵשׁ, וָואס קֶען אִיךְ טוּן״?

זָאגְט אִים ר׳ הֶערְשׁ אַזוֹי; אִיךְ זָאג אַייךְ נִישְׁט קַיין מוֹפֵת, נָאר זָאג צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן אַז ״אִיר וֶועט דַאוְונֶען

המשך

המשך פון זייט 1

צוּגֶעדֶעקְט.

אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעשֶׁעמְט צוּרִיקְצוּגֵיין צוּם רֶבִּי'ן, וַוייל אִיךְ הָאבּ אִים נִישְׁט גֶעפָאלְגְט. בִּין אִיךְ דָארְט גֶעשְׁטַאנֶען אוּן אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן מַיינֶע אוֹיגְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער אוּן דִי לְבָנָה אִיז וִוידֶער אַרוֹיס גֶעקוּמֶען נָאךְ שֶׁענֶער וִוי פְרִיעֶר, הָאבּ אִיךְ גְלַייךְ גֶעמַאכְט דִי בְּרָכָה פוּן קִדּוּשׁ לְבָנָה אוּן אַרַיין פְרֵיילִיךְ צוּם רֶבִּי'ן אִין שְׁטוּבּ. וִוי נָאר אִיךְ בִּין אַרַיין הָאט זִיךְ דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אָנְגֶערוּפְן אוּן גֶעזָאגְט: "זֶעט אִיר אַז עֶר אִיז אַן אַנְדֶערֶער מֶענְטְשׁ!"

אוּן דַאן הָאט דֶער רֶבִּי אַזוֹי גֶעזָאגְט אוֹיף מִיר אוּן אוֹיף זַיינֶע לַייט: "אוֹיבּ אִיר וֶועט זַיין בְּשִׂמְחָה וֶועט דָאס זַיין אַ גְרוֹיסֶע טוֹבָה פַאר דֶער וֶועלְט!"

אִין סֵפֶר לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת אִיז ר' נָתָן מַסְבִּיר פוּן ווָאוּ עֶס נֶעמְט זִיךְ דֶער טָעוּת אַז מֶענְטְשְׁן זֶענֶען גָאר שְׁטַארְק מְדַקְדֵק נִישְׁט צוּ מַאכְן קִדּוּשׁ-לְבָנָה בִּיז דִי לְבָנָה וֶוערְט לוֹיטֶער רֵיין פוּן אַלֶע ווָאלְקֶענֶעס, אַנְדֶערְשׁ פוּנֶעם רֶבִּי'נְס דַעַת אוּן פוּן נָאךְ צַדִּיקִים זִי"עַ צוּ מַאכְן קִדּוּשׁ-לְבָנָה גְלַייךְ וֶוען מֶען זֶעט דִי לְבָנָה, בִּפְרָט וֶוען עֶס אִיז שׁוֹין נָאנְט צוּם סוֹף-זְמַן קִדּוּשׁ-לְבָנָה אוּן סְפֶּעצִיעֶל וִוינְטֶער וֶוען עֶס אִיז רוֹב צַייט פַארְוָואלְקְנְט.

אִיז ר' נָתָן מַסְבִּיר אַז דֶער טָעוּת נֶעמְט זִיךְ פוּן דֶעם וַוייל דִי מִצְוָה אִיז זֵייעֶר בַּאלִיבְּט אוּן טַייעֶר בַּיי אִידִישֶׁע קִינְדֶער, דֶערִיבֶּער וִוילְן זֵיי אַז דִי לְבָנָה זָאל זַיין אִינְגַאנְצְן רֵיין, אָבֶּער זֵיי פַארְגֶעסְן אַז לַיידֶער גֶעפִינֶען מִיר זִיךְ יֶעצְט אִינֶעם פִינְסְטֶערְן בִּיטֶערְן גָלוּת, בִּפְרָט אִין גָלוּת הַנֶּפֶשׁ – אַ גָלוּת וָואס שְׁטַארְק זִיךְ אוֹיף אוּנְזֶער נְשָׁמָה. אוּן מִיט וָואס לֶעבְן אוּנְז אִין דֶעם גָלוּת? נָאר מִיט אַבִּיסְל לִיכְטִיגְקַייט וָואס שְׁטְרַאלְט אַרוֹיס פוּן אוּנְטֶער דֶעם גְרוֹיסְן פִינְסְטֶערְנִישׁ.

דֶערִיבֶּער בַּיי דִי מִצְוָה פוּן לְבָנָה, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ בַּיי אַלֶע מִצְווֹת, אוֹיבּ וֶועלְן מִיר וַוארְטְן צוּ מְקַיֵּים דִי מִצְווֹת נָאר מִיט גְרוֹיס קְדוּשָּׁה אוּן רֵיינְקַייט, מִיט דִי רִיכְטִיגֶע שְׁלֵימוּת וָואלְט שׁוֹין חָלִילָה בָּטֵל גֶעוָוארְן דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה מִיט אַלֶע אִירֶע מִצְווֹת, וַוייל הַיינְטִיגֶע צַייטְן אִין גָלוּת קֶענֶען מִיר נִישְׁט מְקַיֵּים זַיין קַיין שׁוּם מִצְוָה בִּשְׁלֵמוּת, מִיט אַלֶע פְּרָטִים אוּן דִקְדוּקִים, בִּפְרָט קֶען מֶען נִישְׁט הָאבְּן אִינְגַאנְצְן רֵיינֶע מַחֲשָׁבוֹת אִין מֹחַ וָואס דָאס אִיז דָאךְ דֶער עִיקָר.



מִיט-דֶעם-אַלֶעם דַארְפְן מִיר מְקַיֵּים זַיין דִי מִצְווֹת וִויאַזוֹי מֶען קֶען אוּן מִיט דֶעם זֶענֶען מִיר זִיךְ מְחַיֶּה אִין גָלוּת, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי רֶעדְט אַסַאךְ אַרוּם דֶערְוֶועגְן אִין תּוֹרָה רפ"ב אַז מֶען דַארְף זִיךְ מְחַיֶּה זַיין מִיט נְקוּדוֹת טוֹבוֹת.

דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער זָאל הֶעלְפְן אַז מִיר זָאלְן זִיךְ קֶענֶען פְרֵייעֶן מִיט אוּנְזֶערֶע נְקוּדוֹת טוֹבוֹת אוּן אַזוֹי וֶועלְן מִיר אַרוֹיסְגֵיין פוּן גָלוּת הַכְּלָלִי אוּן גָלוּת הַפְּרָטִי אָמֵן וְאָמֵן.

---

בְּצִבּוּר יֶעדְן טָאג"! אִיז עֶס דָאךְ אַ מִצְוָה, וֶועט דִי מִצְוָה מוּזְן מֵגִין זַיין אוֹיף דֶעם קִינְד"! וֶועט דָאס קִינְד הָאבְּן אַ רְפוּאָה! עֶר הָאט אִים צוּגֶעזָאגְט אַז דָאס קִינְד וֶועט וֶוערְן גֶעזוּנְט!

אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען, דָאס קִינְד אִיז גֶעוָוארְן גֶעזוּנְט, אוּן עֶר הָאט שׁוֹין אָנְגֶעהוֹיבְּן דַאוֶוענֶען אַלֶע טָאג בְּצִבּוּר!

# ~ די צְוֶועלֶעוְוטֶע מַעֲשֶׂה וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט

## דֶער בַּעַל תְּפִלָּה 2




**הָאבִּין זִיךְ גִיפִינֶען מֶענְשְׁן** פוּן זַיינֶע לַייט. אוּן הָאבִּין אִים גָאר קֵיין דֵיעָה נִיט גִיפְרֶעגְט אוּן זֵיי הָאבִּין זִיךְ אוֹיף גִיהוֹיבִּין. אוּן זֶענֶען גִיגַאנְגֶען צוּ דֶער מְדִינָה אַז זֵיי זָאלְין זֵיי אַרוֹיס פִירִין דֶערְפוּן. וָוארִין זֵיי (דְהַיְינוּ דִי לַייט פוּן דֶעם בַּעַל תְּפִלָּה) הָאבִּין גְרוֹיס רַחְמָנוּת גִיהַאט אוֹיף דֶער מְדִינָה וָואס זֵיי זֶענֶען אַזוֹי פַארְפִירְט גִיוָוארִין אִין דֶער תַּאֲוָה פוּן גֶעלְט. אוּן בִּפְרַט דֶער בַּעַל תְּפִלָּה הָאט גִיזָאגְט. אַז זֵיי קָאנֶען נָאךְ וַוייטֶער פַארְפִירְט וֶוערִין. אִיבֶּער דֶעם זֶענֶען דִי לַייט פוּן דֶעם בַּעַל תְּפִלָּה גִיגַאנְגֶען צוּ דֶער מְדִינָה. טָאמֶער וֶועלִין זֵיי קָאנֶען אַרוֹיס פִירִין זֵיי פוּן זֵייעֶרע נַארִישְׁקֵייט.

**דִי זֶענֶען גִיקוּמֶען אִין דֶער מְדִינָה אַרַיין.** אוּן זֵיי זֶענֶען אַרַיין גִיגַאנְגֶען מִן הַסְתָּם צוּ אַ קְלֵיינֶעם מֶענְשְׁן וָואס דֶער הֵייסְט בַּיי זֵיי אַ חַיָה אוּן זֵיי הָאבִּין אָנְגִיהוֹיבִּין מִיט אִים צוּ שְׁמוּסִין. בַּאֲשֶׁר אַז צוּם אֶמֶת אִיז דָאס גֶעלְט גָאר קֵיין תַּכְלִית נִיט. אוּן דֶער עִיקָר תַּכְלִית אִיז נָאר גָאט צוּ דִינֶען וְכוּ'.

**אוּן דֶער הָאט זֵיי גָאר נִיט צוּ גִיהֶערְט.** וָוארִין סֶע אִיז שׁוֹין בַּיי זֵיי אַזוֹי אַיינְגִיוָוארְצִילְט גִיוֶוען אִין דֶער דֵיעָה אַז דֶער עִיקָר אִיז נָאר דָאס גֶעלְט. אוּן אַזוֹי הָאבִּין זֵיי גִישְׁמוּסְט נָאךְ מִיט אֵיין אַנְדֶערִין. אוּן עֶר הָאט אוֹיךְ זֵיי נִיט צוּ גִיהֶערְט. אוּן זֵיי הָאבִּין מִיט אִים וַוייטֶער גִיוָואלְט שְׁמוּסִין.

**הָאט עֶר זֵיי גִיעֶנְפֶערְט** (דְהַיְינוּ דֶער מֶענְטְשׁ וָואס זֵיי הָאבִּין מִיט אִים גִישְׁמוּסְט הָאט עֶר זֵיי גִיעֶנְפֶערְט) וַוייטֶער הָאבּ אִיךְ נִיט צַייט מִיט אַייךְ צוּ שְׁמוּסִין. הָאבִּין זֵיי אִים גִיפְרֶעגְט. פַארְוָואס. הָאט עֶר גִיעֶנְפֶערְט. בַּאֲשֶׁר מִיר בַּאדַארְפְן אַלֶע אַרוֹיס פוּן דֶער מְדִינָה. אִין אֵיין אַנְדֶערֶע מְדִינָה אַרַיין. וָוארִין מִיר הָאבִּין גִיזֶעהְן אַז דֶער עִיקָר תַּכְלִית אִיז נָאר דָאס גֶעלְד. אִיבֶּער דֶעם אִיז בַּיי אוּנְז גִיבְּלִיבְּן אַז מִיר זָאלְין גֵיין צוּ אַזוֹי אַ מְדִינָה וָואס דָארְט מַאכְט מֶען גֶעלְט. (דְהַיְינוּ סֶע אִיז דָארְט אַזוֹי אֵיין עֶרְד וָואס דֶערְפוּן מַאכְט מֶען גָאלְד אוּן זִילְבֶּער). אִיבֶּער דֶעם מוּזִין מִיר הַיינְט אַלֶע גֵיין צוּ דֶער מְדִינָה.

**אוּן וַוידֶער אִיז בַּיי זֵיי גִיבְּלִיבְּן אַז זֵיי ווִילְין.** אַז זֵיי זָאלְין הָאבִּין כּוֹכָבִים אוּן מַזָלוֹת אוֹיךְ (דְהַיְינוּ שְׁטֶערִין אוּן מַזָלוֹת וָואס אִין הִימְל) דְהַיְינוּ אַז דֶער וָואס עֶר הָאט אַזוֹי פִיל אוּן אַזוֹי פִיל גֶעלְט. ווִי אַזוֹי זֵיי הָאבִּין דָארְט אוֹיס גִיזֶעצְט דְרוֹיף. דֶער זָאל זַיין אַ כּוֹכָב (דְהַיְינוּ אַ שְׁטֶערִין) וָוארִין אַז עֶר הָאט אַזוֹי פִיל גֶעלְט הָאט עֶר זִיךְ דֶעם כֹּחַ פוּן דֶעם שְׁטֶערִין וָוארִין דוֹרְךְ דֶעם שְׁטֶערִין וַואקְסְט זִיךְ דָאס גָאלְד.

**וָוארִין וָואס סֶע אִיז פַארְהַאנְדִין עֶרְד** וָואס פוּן אִיר מַאכְט מֶען גָאלְד. אִיז זִיךְ דָאס מַחְמַת דִי שְׁטֶערִין. וָואס דוּרְךְ זֵיי וַואקְסְט דָארְט אַזוֹי אֵיין עֶרְד וָואס פוּן אִיר מַאכְט מֶען גָאלְד. אַז דֶער מֶענְשׁ הָאט אַזוֹי פִיל גֶעלְד הָאט עֶר זִיךְ דֶעם כֹּחַ פוּן דֶעם שְׁטֶערִין. אִיבֶּער דֶעם אִיז עֶר אַלֵיין אַ שְׁטֶערִין (אַזוֹי הָאבִּין זֵיי אַלְץ גִיזָאגְט דִי מְדִינָה וֶועדְלִיג זֵייעֶר פַארְפִירְטְקֵייט אִין דֶעם גֶעלְד).

**אוּן אַזוֹי הָאבְּן זֵיי גִיזָאגְט.** אַז זֵיי ווִילְין הָאבִּין מַזָלוֹת אוֹיךְ. דְהַיְינוּ אַז אֵיינֶער וֶועט הָאבִּין אַזוֹי פִיל אוּן אַזוֹי פִיל גֶעלְט. ווִי אַזוֹי זֵיי הָאבִּין דְרוֹיף אוֹיסְגִיזֶעצְט דֶער זָאל זַיין אֵיין מַזָל. אוּן אַזוֹי הָאבִּין זֵיי זִיךְ גִימַאכְט מַלְאָכִים אַלְץ וֶועדְלִיג דֶעם גֶעלְט.

**בִּיז סֶע אִיז בַּיי זֵיי גִיבְּלִיבְּן** אַז זֵיי זָאלְין הָאבִּין גָאטְן אוֹיךְ. אַז דֶער וָואס עֶר וֶועט הָאבִּין זֵייעֶר פִיל גֶעלְט אַזוֹי פִיל אוּן אַזוֹי פִיל אֲלָפִים וּרְבָבוֹת. ווִי אַזוֹי זֵיי הָאבִּין דְרוֹיף אוֹיס גִיזֶעצְט. דֶער זָאל זַיין אֵיין גָאט. וָוארִין אַז גָאט גִיט אִים אַזוֹי פִיל גֶעלְד. אִיז עֶר אַלֵיין אַ גָאט.

**וַוידֶער הָאבִּין זֵי גִיזָאגְט.** אַז זֵיי קֶערִין גָאר נִיט צוּ זִיצִין אִין דֶעם אַוִיר פוּן דֶער וֶועלְט. אוּן זֵיי בַּאדַארְפִין גָארְנִיט צוּ זַיין אִין אֵיינֶעם מִיט אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן כְּדֵי זֵיי זָאלְין זֵיי נִיט מְטַמֵא זַיין. וָוארִין דִי אִיבְּרִיקֶע מֶענְטְשְׁן פוּן דֶער וֶועלְט זֶענֶען גָאר טָמֵא אַקֶעגִין זֵיי.

**אִיבֶּער דֶעם הָאבִּין זֵיי זִיךְ מְיַישֵׁב גִיוֶוען.** אַז זֵיי וֶועלִין זִיךְ זוּכִין זֵייעֶר הוֹיכֶע בֶּערְג וָואס זֵיי זֶענֶען הֶעכֶער פוּן גָאר דֶער

וֶועלְט. אוּן זֵיי וֶועלִין דָארְט זִיצְן. כְּדֵי זֵיי זָאלִין זַיין הֶעכֶער פוּן דֶער וֶועלְט.

**הָאבִּין זֵיי גִישִׁיקְט מֶענְטְשְׁן.** אַז זֵיי זָאלִין זוּכִין הוֹיכֶע בֶּערְג. הָאבִּין זֵיי גִיפוּנֶען זֵייעֶר הוֹיכֶע בֶּערְג אִיז גִיגַאנְגֶען דִי גַאנְצֶע מְדִינָה אוּן הָאבִּין זִיךְ דָארְט בַּיי וֶועצְט. אוֹיף דִי הוֹיכֶע בֶּערְג. דְהַיינוּ אוֹיף דֶעם בַּארְג הָאבִּין זִיךְ בַּיי וֶועצְט אַ קִבּוּץ מֶענְטְשְׁן פוּן דֶער מְדִינָה (כְּלוֹמֶר אַ שְׁטָאט) אוּן אַזוֹי אוֹיף דֶעם אַנְדֶערִין בַּארְג וְכוּ' אוּן זֵיי הָאבִּין גִימַאכְט אַרוּם דֶעם בַּארְג אַ גְרוֹיס חזקת. אוּן גְרוֹיסֶע גְרָאבִּינְס אַרוּם דֶעם בַּארְג. בִּיז סֶע אִיז נִיט גִימָאלְט גִיוֶוען צוּ זֵיי זָאל קוּמֶען אַ מֶענְטְשׁ. וָוארִין סֶע מֶער נִיט גִיוֶוען נָאר אֵיין בַּאהַאלְטִינֶער וֶועג צוּ דֶעם בַּארְג וָואס קֵיין אַנְדֶערֶער מֶענְטְשׁ הָאט גָאר נִיט גִיקָאנְט צוּ קוּמֶען צוּ זֵיי. אוּן אַזוֹי אוֹיף דֶעם אַנְדֶערִין בַּארְג אוֹיךְ אוּן אַזוֹי בַּיי אַלֶע בֶּערְג הָאבִּין זֵיי אַלְץ גִימַאכְט חזקת וְכוּ' כַּנַ"ל.

**אוּן זֵיי הָאבִּין גִישְׁטֶעלְט שׁוֹמְרִים** וַוייט פוּן דֶעם בַּארְג. כְּדֵי קֵיינֶער זָאל צוּ זֵיי נִיט קָאנֶען קוּמֶען. אוּן זֵיי זֶענֶען גִיזֶעסִין דָארְט אוֹיף דִי בֶּערְג. אוּן הָאבִּין זִיךְ גִיפִירְט מִיט דֶעם פִּירִיכְץ כַּנַ"ל. אוּן זֵיי הָאבִּין גִיהַאט אַסַאךְ גָאטִין. דְהַיינוּ וֶועדְלִיג דֶעם גֶעלְט כַּנַ"ל.

**לוּשְׁמִיר וַוייל בַּיי זֵיי אִיז דֶער עִיקָר גִיוֶוען דָאס גֶעלְט.** בִּיז דָארְךְ אַסַאךְ גֶעלְט. אִיז מֶען גִיוֶוען בַּיי זֵיי אַ גָאט הָאבִּין זֵיי מוֹרָא גִיהַאט פַאר רְצִיחָה אוּן גְזֵילָה. וָוארִין אִיטְלִיכֶער וֶועט זַיין אַ רוֹצֵחַ אוּן אַ גַזְלָן כְּדֵי עֶר זָאל וֶוערִין אַ גָאט. דוּרְךְ דֶעם גֶעלְט וָואס עֶר וֶועט גַזְלֶן. נָאר זֵיי הָאבִּין גִיזָאגְט. וַוייל דֶער וָואס עֶר הָאט גֶעלְט אִיז אַ גָאט. וֶועט עֶר זִיךְ הִיטִין פוּן גְזֵילוֹת אוּן רְצִיחוֹת.

**אוּן זֵיי הָאבִּין מְתַקֵן גִיוֶוען עֲבוֹדוֹת אוּן קָרְבָּנוֹת** אַז מֶע זָאל מַקְרִיב זַיין קָרְבָּנוֹת אוּן מֶע זָאל מִתְפַּלֵל זַיין צוּ דִי גֶעטֶער. כְּדֵי דוּרְךְ דֶעם זָאל מֶען קְרִיגִין גֶעלְט אוּן זֵיי פְלֶעגִין מַקְרִיב זַיין מֶענְטְשְׁן פַאר קָרְבָּנוֹת אוּן זֵיי פְלֶעגִין זִיךְ אַלֵיין מַקְרִיב זַיין צוּ דִי גָאטִין. כְּדֵי עֶר זָאל אִין אִים נִכְלַל וֶוערִין אוּן דֶער נָאךְ וֶועט עֶר מְגוּלְגָל וֶוערִין. וֶועט עֶר זַיין אֵיין עוֹשֶׁר. וָוארִין דֶער עִיקָר אֱמוּנָה אִיז בַּיי זֵיי גִיוֶוען דָאס גֶעלְט.

**אוּן זֵיי הָאבִּין גִיהַאט עֲבוֹדוֹת אוּן קָרְבָּנוֹת אוּן קְטוֹרֶת** וָואס זֵיי פְלֶעגְן דֶערְמִיט צוּ דִינֶען דִי גָאטִין (דְהַיינוּ דִי וָואס זֵיי הָאבִּין גִיהַאט אַסַאךְ גֶעלְט).

**אוּן פוּן דֶעסְט וֶועגִין פָּארְט.** אִיז דִי מְדִינָה בְּוַודַאי פִּיל גִיוֶוען מִיט רְצִיחָה אוּן גְזֵילָה. וָוארִין דֶער וָואס עֶר הָאט נִיט גִיגְלֵייבְּט אִין דִי עֲבוֹדוֹת אִיז עֶר גִיוֶוען אַ רוֹצֵחַ אוּן אַ גַזְלָן כְּדֵי עֶר זָאל הָאבִּין גֶעלְט. וָוארִין דֶער עִיקָר אִיז בַּיי זֵיי גִיוֶוען דָאס גֶעלְט וָוארִין דוּרְךְ גֶעלְט קָאן מֶען זִיךְ קוֹיפִין אַלְדִינְג. עֶסִין אוּן קְלֵיידֶער אוּן דֶער עִיקָר לֶעבִּין פוּן דֶעם מֶענְשְׁן אִיז דוּרְךְ דֶעם גֶעלְט. אִיבֶּער דֶעם אִיז דָאס גֶעלְט בַּיי זֵיי דֶער עִיקָר אֱמוּנָה גִיוֶוען (אַזוֹי אִיז אַלְץ זֵייעֶר נַיירִישֶׁע פַארְפִירְטֶע דֵעָה גִיוֶוען).

**אוּן זֵיי הָאבִּין אַלְץ גִיזֶעהְן.** אַז סֶע זָאל בַּיי זֵיי נִיט גִימִינֶערְט וֶוערִין קֵיין גֶעלְט. וָוארִין דָאס גֶעלְט אִיז בַּיי זֵיי גָאר דִי אֱמוּנָה אוּן דֶער גָאט גִיוֶוען. אַדְרַבָּא מֶע מוּז זֶעהְן אַז מֶע זָאל אַרַיין בְּרֶענְגֶען אִין דֶער מְדִינָה אַרַיין גֶעלְט פוּן אַנְדֶערֶע עֶרְטֶער.

**פְלֶעגִין פוּן זֵיי גֵייעֶן סוֹחְרִים** זָאלִין הַאנְדְלֶען אִין אַנְדֶערֶע מְדִינוֹת. כְּדֵי זֵיי זָאלִין גְוִוינֶען גֶעלְט כְּדֵי מֶע זָאל נָאךְ מֶער גֶעלְט אַרַיין בְּרֶענְגֶען אִין דֶער מְדִינָה אַרַיין.

**אוּן צְדָקָה.** אִיז בְּוַודַאי אַ גְרוֹיסֶער אִיסוּר בַּיי זֵיי גִיוֶוען. וָוארִין וִוי טָאר מֶען אַוֶועק גֶעבִּין דָאס גֶעלְט וָואס גָאט הָאט אִים גֶעגִיבְּן. וָואס דָאס אִיז בַּיי זֵיי דֶער עִיקָר גִיוֶוען אַז מֶע זָאל הָאבִּין גֶעלְט. וִוי טָאר מֶען זֶע דָאס אַוֶועק גִיבִּין. אִיבֶּער דֶעם אִיז בְּוַודַאי בַּיי זֵיי אֵיין אִיסוּר גִיוֶוען צוּ גִיבִּין צְדָקָה.

**אוּן זֵיי הָאבִּין גִיהַאט מְמוּנִים.** דְהַיינוּ מֶענְטְשְׁן וָואס זֵיי זֶענֶען גִיזֶעצְט גִיוֶוען דְרוֹיף. זֵיי זָאלִין אַכְטוּנְג גִיבִּין אוֹיף אִיטְלִיכְן אוֹיבּ עֶר הָאט אַזוֹי פִּיל גֶעלְט וִוי עֶר זָאגְט. וָוארִין אִיטְלִיכֶער הָאט גִימוּזְט אַרוֹיס וַוייזִין זַיין עֲשִׁירוּת אַלֶע מָאל. כְּדֵי עֶר זָאל בְּלַייבִּין בַּיי דֶער מַעְלָה. אוּן בַּיי דֶעם כָּבוֹד וָואס עֶר הָאט גִיהַאט וֶועדְלִיג זַיין גֶעלְט.

(כְּלוֹמֶר דִי אַלֶע עֲשִׁירִים וָואס זֵיי זֶענֶען בַּיי זֵיי גִיוֶוען גָאטִין אוּן שְׁטֶערִין וְכוּ' אוּן מַלְאָכִים וְכוּ' מַחְמַת זֵייעֶר גֶעלְט פְלֶעגְט מֶען אַלֶע מָאל זֵיי אִיבֶּער צוּ זֶעהְן. אוֹיבּ עֶר הָאט אַזוֹי פִּיל גֶעלְט. אוֹיבּ עֶר אִיז נִיט אוּמְזִיסְט אֵיין גָאט וְכוּ'. אוּן מֶענְטְשְׁן זֶענֶען דְרוֹיף גִיזֶעצְט גִיוֶוען אַז זֵיי זָאלִין אַלֶע מָאל דָאס אוֹיף זֶעהְן).

**אוּן אַמָאל פְלֶעגְט בַּיי זֵיי צוּ וֶוערִין פוּן אַ חַיָה אַ מֶענְטְשׁ.** אוּן פוּן אַ מֶענְטְשׁ אַ חַיָה דְהַיינוּ אַז אֵיין עוֹשֶׁר הָאט אָנְגִיוָוארִין דָאס גֶעלְט. אִיז עֶר שׁוֹין אוֹיס מֶענְטְשׁ גִיוָוארִין. אִיז גִיוָוארִין פוּן אַ מֶענְטְשׁ אַ חַיָה. וָוארִין עֶר הָאט זִיךְ שׁוֹין קֵיין גֶעלְט נִיט. אוּן אַזוֹי פַארְקֶערְט. אַז אֵיינֶער הָאט גְוִוינֶען גֶעלְט. אַזוֹי אִיז גִיוָוארִין פוּן

אַ חַיָּה אַ מֶענְטְשׁ. אוּן אַזוֹי אִיז גִיוֶוען בַּיי דִי אִיבְּרִיקֶע מַעֲלוֹת. וָואס בַּיי זֵיי אִיז אַלְץ וֶועדְלִיג דֶעם גֶעלְט גִיוֶוען. (אִיז אוֹיךְ אַזוֹי גִיוֶוען. מִיט אַמָאל אִיז אֵיינֶער אוֹיס גָאט גִיוָוארִין. וָוארִין עֶר הָאט שׁוֹין דָאס גֶעלְט אָנְגִיוָוארִין).

**אוּן זֵיי פְלֶעגִין הָאבִּין דִי צוּרוֹת** אוּן דִי פַּאטְרֶעטִין פוּן דִי גָאטִין (דְהַיינוּ דִי וָואס הָאבִּין פִיל גֶעלְט גִיהַאט) אוּן בַּיי אִיטְלִיכְן אִין גִיוֶוען דִי פַּאטְרֶעטִין. אוּן זֵיי פְלֶעגִין זֵיי צוּ הַאלְדְזִין אוּן צוּ קוּשְׁן. וָוארִין דָאס גֶעלְט אִיז בַּיי זֵיי גִיוֶוען גָאר זֵייעֶר עֲבוֹדָה אוּן זֵייעֶר אֱמוּנָה.

**אוּן דִי לַייט פוּן דֶעם בַּעַל תְּפִלָּה** (וָואס זֵיי זֶענֶען פְרִיר דָארְט גִיוֶוען בַּיי דֶער מְדִינָה כַּנַּ"ל) זֵיי הָאבִּין זִיךְ אוּמְגִיקֶערְט צוּ זֵייעֶר אָרְט. אוּן זֵיי הָאבִּין דֶערְצֵיילְט דֶעם בַּעַל תְּפִלָּה פוּן דִי נַארִישְׁקֵייט פוּן דֶער מְדִינָה וִוי זֵיי זֶענֶען אַזוֹי פַארְנַארִישְׁט גִיוָוארִין אוּן פַארְפִירְט גִיוָוארִין אִין דֶער תַּאֲוָה פוּן גֶעלְט. אוּן אַז זֵיי ווִילִין שׁוֹין אַרוֹיס פוּן זֵייעֶר מְדִינָה אִין אֵין אַנְדֶערֶע מְדִינָה (וָואס דָארְט מַאכְט מֶען גֶעלְט כַּנַּ"ל) אוּן זֵיי ווִילִין זִיךְ שׁוֹין מַאכִין שְׁטֶערִין אוּן מַזָלוֹת (כַּנַּ"ל).

**הָאט זִיךְ דֶער בַּעַל תְּפִלָּה אָנְגִירוּפִין** עֶר הָאט מוֹרָא אַז זֵיי זָאלִין נִיט נָאךְ מֶער פַאר פִירְט וֶוערִין וַוייטֶער. דֶער נָאךְ הָאט מֶען דָאס גִיהֶערְט אַז זֵיי הָאבִּין זִיךְ שׁוֹין גִימַאכְט גָאטִין (כַּנַּ"ל). הָאט זִיךְ דֶער בַּעַל תְּפִלָּה אָנְגִירוּפִין. הָאט דָאס הָאבּ אִיךְ גִימֵיינְט דֶערְפַאר הָאבּ אִיךְ מוֹרָא גִיהַאט (דְהַיינוּ דָאס וָואס עֶר פְלֶעגְט אַלְץ זָאגִין עֶר הָאט מוֹרָא זֵיי זָאלִין נִיט נָאךְ אַרְגֶער פַארְפִירְט וֶוערִין הָאט עֶר דָאס גִימֵיינְט).

**הָאט דֶער בַּעַל תְּפִלָּה גְרוֹיס רַחְמָנוּת אוֹיף זֵיי גִיהַאט.** הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵׁב גִיוֶוען. עֶר וֶועט אַלֵיין אַהִין גֵיין. טָאמֶער וֶועט עֶר זֵיי אַרוֹיס פִירִין פוּן זֵייעֶרֶע נַארִישְׁקֵייט.

**אִיז דֶער בַּעַל תְּפִלָּה אַהִין גִיגַאנְגֶען.** אוּן עֶר אִיז גִיקוּמֶען צוּ דִי שׁוֹמְרִים וָואס זֵיי זֶענֶען גִישְׁטַאנֶען אַרוּם אִיטְלִיכְן בַּארְג (כַּנַּ"ל) אוּן דִי שׁוֹמְרִים זֶענֶען מִן הַסְתָּם גִיוֶוען קְלֵיינֶע לַייט. וָואס זֵיי הָאבִּין גִימֶעגְט שְׁטֵיין אִין דֶעם אַוִיר פוּן דֶער וֶועלְט.

**וָוארִין דִי מֶענְטְשְׁן וָואס זֵיי הָאבִּין גִיהַאט מַעֲלוֹת** מַחְמַת זֵייעֶר גֶעלְט. זֵיי הָאבִּין גָאר נִיט גִיקָאנְט זַיין אִין אֵיינֶעם מִיט דֶער וֶועלְט. אוּן הָאבִּין נִיט גִיקֶענְט שְׁטֵיין אִין דֶעם אַוִיר פוּן דֶער וֶועלְט. סֶע זָאל זֵיי נִיט מְטַמֵא זַיין (כַּנַּ"ל) אוּן זֵיי הָאבִּין גָאר נִיט גִיקֶענְט שְׁמוּסִין מִיט דֶער וֶואלְט. מֶען זָאל זֵיי נִיט מְטַמָא זַיין מִיט דֶעם דוּךְ פוּן דֶעם מוֹיל (כְּלוֹמֶר בַּיי דֶער נַארִישֶׁער מְדִינָה אִיז דִי וֶועלְט גָאר טָמֵא גִיוֶוען אַקֶעגִין זֵיי כַּנַּ"ל)

**אִיבֶּער דֶעם זֶענֶען בְּוַודַאי דִי שׁוֹמְרִים** וָואס זֵיי זֶענֶען גִישְׁטַאנֶען אוּנְטֶער דֶער שְׁטָאט. זֶענֶען זֵיי בְּוַודַאי גִיוֶוען קְלֵיינֶע לַייט נָאר דִי שׁוֹמְרִים הָאבִּין אוֹיךְ גִיהַאט דִי פַּאטְרֶעטִין (פוּן דִי גָאטִין זֵייעֶרֶע) אוּן זֵיי פְלֶעגִין דִי פַּאטְרֶעטִין צוּ הַאלְדְזְן אוּן צוּ קוּשִׁין אַלֶע מָאל. וָוארִין בַּיי זֵיי אִיז אוֹיךְ דֶער עִיקָר אֱמוּנָה גִיוֶוען דָאס גֶעלְט.

**אִיז דֶער בַּעַל תְּפִלָּה גִיקוּמֶען צוּ אֵיין שׁוֹמֵר.** אוּן הָאט אָנְגִיהוֹיבִּין מִיט אִים צוּ שְׁמוּסִין פוּן דֶעם תַּכְלִית. בַּאֲשֶׁר אַז דֶער עִיקָר תַּכְלִית אִיז נָאר גָאטְס דִינְסְט. תּוֹרָה אוּן תְּפִלָּה אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים. אוּן גֶעלְט אִיז גָאר אַ נַארִישְׁקֵייט. אוּן סֶע גָאר קֵיין תַּכְלִית נִיט וְכוּ'

**אוּן דֶער שׁוֹמֵר הָאט אִים אָבֶּער גָאר נִיט צוּ גִהֶערְט.** וָוארִין סֶע אִיז שׁוֹין בַּיי זֵיי אַזוֹי אַיינְגִיזֶעצְט גִיוֶוען פוּן אַ לַאנְגֶע צַייט אַז דֶער עִיקָר אִיז נָאר דָאס גֶעלְט. כַּנַּ"ל. אוּן אַזוֹי אִיז דֶער בַּעַל תְּפִלָּה גִיגַאנְגֶען צוּ אַלֶע שׁוֹמְרִים. אוּן הָאט מִיט זֵיי אַזוֹי אַלְץ גִישְׁמוּסְט. אוּן זֵיי הָאבִּין אִים גָאר נִיט צוּ גִיהֶערְט.

**הָאט זִיךְ דֶער בַּעַל תְּפִלָּה מְיַישֵׁב גִיוֶוען.** אוּן אִיז אַרַיין גִיגַאנְגֶען אִין שְׁטָאט אַרַיין. וָואס דִי שְׁטָאט אִיז גִיוֶוען אוֹיף דֶעם בַּארְג (כַּנַּ"ל). וִוי עֶר אִיז אַרַיין גִיקוּמֶען אִין שְׁטָאט אַרַיין. אִיז בַּיי זֵיי גִיוֶוען אַ גְרוֹיס חִידוּשׁ.

**אוּן זֵיי הָאבִּין גִיפְרֶעגְט.** וִוי אַזוֹי בִּיסְטוּ אַהֶער אַרַיין גִיקוּמֶען. וָוארִין קֵיין שׁוּם מֶענְטְשׁ הָאט זִיךְ צוּ זֵיי נִיט גִיקָאנְט צוּ טְרֶעטִין כַּנַּ"ל. הָאט עֶר זֵיי גִיעֶנְפֶערְט. וָואס פְרֶעגְט אִיר. אִיךְ בִּין זִיךְ שׁוֹין אָבֶּער פָארְט אַרַיין.

**הָאט דֶער בַּעַל תְּפִלָּה אָנְגִיהוֹיבִּין** מִיט אֵיינֶעם צוּ שְׁמוּסִין פוּן דֶעם תַּכְלִית פוּן דֶער וֶועלְט אַז גֶעלְט אִיז גָאר קֵיין תַּכְלִית נִיט וְכוּ' (אַזוֹי וִוי זַיין שְׁטֵייגֶער אִיז גִיוֶוען) אוּן דֶער מֶענְטְשׁ הָאט אִים גָאר נִיט צוּגִיהֶערְט. אוּן אַזוֹי דֶער אַנְדֶערֶער אוּן אַזוֹי אַלֶע. (כְּלוֹמֶר קֵיינֶער הָאט אִים נִיט צוּגִיהֶערְט)

**וָוארִין זֵיי זֶענֶען שׁוֹין אַלֶע** אַזוֹי פַארְפִירְט גִיוֶוען אִין זֵייעֶרֶע נַארִישְׁקֵייט אַז זֵיי הָאבִּין שׁוֹין קֵיינֶעם נִיט גִיהֶערְט.

דער געווינער פון "גאר מיין זאך איז תפלה"
צייטליך שבת אינדערפרי פרשת ויחי
ביים דאווענען איז

## הילד החשוב שמעון פישער,

אלע קינדער וואס האבן געווינען די לעצטע וואכן
קענען דאס אפנעמען ביי ר' יואל יאראוויטש
אדער אין בן איש חי 54 דירה 11

**צו קענען אריינגיין אין גורל, קלינג אריין נאך שבת אין טעל-ליין 02-5-3333-72 אויף קנעפל זיבן זאג אריין דיין נאמען און טעלעפאן נומער מיט די ווערטער "גאר מיין זאך איז תפלה".**

# בחינה אויף ספורי מעשיות

## די צוועלעפטע מעשה (2) - מבעל תפילה

**א. מיט וועמען פון די מדינה של עשירות האבן די מענטשן פון בעל תפלה אנגעהויבן צו שמועסן?**
- ☐ מן הסתם מיט מענטשן וואס מ׳רופט זיי א שטערן
- ☐ מן הסתם מיט מענטשן וואס מ׳רופט זיי א חי׳
- ☐ מן הסתם מיט מענטשן וואס מ׳רופט זיי א מלאך

**ב. פארוואס האבן די מענטשן פון מדינה של עשירות געוואלט אריבער צו א אנדערער מדינה?**
- ☐ ווייל ס׳איז געווען דארט אסאך עשירים
- ☐ ווייל פון די ערד פון די מדינה מאכט מען גאלד און זילבער
- ☐ ווייל משנה מקום משנה מזל

**ג. וועלכע דרגות איז געווען אין די מדינה של עשירות?**
- ☐ שטערן, מזלות,
- ☐ מלאכים, גאטן,
- ☐ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ד. פארוואס זענען זיי געגאנגען צו די היוכא בערג?**
- ☐ כדי זיי זאלן נישט זיין מיט מענטשן פון דער וועלט
- ☐ כדי זיי זאלן האבן געשמאקע לופט
- ☐ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ה. וואספארא סארט וועג איז געווען אפן צו די מדינה אויף די בערג?**
- ☐ א ברייטע וועג אלע זאלן קענען אריין גיין
- ☐ א שמאלע וועג איינמיטן שטאט אז א חלק זאלן קענען אריין גיין
- ☐ איין באהאלטענער וועג אז קיין אנדערער מענטש זאל נישט קענען קומען צו זיי

**ו. וואו זענען געשטאנען די שומרים?**
- ☐ נאנט צום בארג אז שלעכטע חיות זאלן נישט קענען אריין אין שטאט
- ☐ אויפן בארג צו בעטן שטייער
- ☐ ווייט פון בארג כדי קיינער זאל נישט קענען צו זיי קומען

**ז. וואס האבן זיי געטון צו זייערע גאטן?**
- ☐ געדאווענט צו זיי ר״ל
- ☐ זיך מקריב געווען צו זיי ר״ל
- ☐ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ח. איז געווען רציחות און גזילות אין די מדינה של עשירות?**
- ☐ ניין
- ☐ אביסל
- ☐ פול מיט רציחות און גזילות

**ט. האט מען געמעגט געבן צדקה אין די מדינה?**
- ☐ עס איז געווען ביי זיי א גרויסע מצוה
- ☐ עס איז געווען ביי זיי א גרויסע איסור
- ☐ מען האט געמעגט אבער ס׳איז ביי זיי נישט געווען א מצוה

**י. ווען איז געווארן פון א מענטש א חי׳ אין די מדינה?**
- ☐ ווען איינער האט פארלוירן (אנגעווארין) זיין געלד
- ☐ ווען איינער האט פארלוירן געלד פון זיין חבר
- ☐ ווען איינער האט געגעבן זיין חבר

**יא. ווען איז געווארן פון א חי׳ א מענטש אין די מדינה?**
- ☐ ווען איינער האט געגעבן זיין גאנצע געלד פאר צדקה
- ☐ ווען איינער איז געווארן אויסגעהיילט פון זיין קרענק
- ☐ ווען איינער האט פארדינט (געוואונען) מער געלד

**יב. וואס האבן זיי געטון מיט די פאטרעטן פון זייערע גאטן?**
- ☐ זיי פלעגן עס ווארפן אויף דער ערד
- ☐ זיי פלעגן עס האלזן און קושן
- ☐ זיי פלעגן טאנצן מיט דעם

**יג. וואס האט דער בעל תפלה געזאגט ווען מ׳האט אים דערציילט אז זיי האבן גאטן?**
- ☐ דערפאר האב איך מורא געהאט
- ☐ ער האט גרויס רחמנות געהאט אויף זיי
- ☐ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**יד. וואס האבן די שומרים געענטפערט פאר דעם בעל תפלה ווען ער האט אנגעהויבן רעדן פון תכלית?**
- ☐ אונז האבן א אנדערע תכלית
- ☐ מיר האבן א אנדערע וועג
- ☐ זיי האבן גאר נישט צוגעהערט

**טו. ווען די מענטשן פון די מדינה האבן געפרעגט דעם בעל תפלה וויאזוי ער איז אריין אין שטאט וואס האט ער געענטפערט?**
- ☐ אז ער איז איבערגעשפרינגען א צוים
- ☐ אז דער שומר האט אים אריין געלאזט
- ☐ וואס פרעגט איר?! איך בין דאך שוין דא!

**טז. וואס לערנסטו זיך דערוויילט ארויס פון די מעשה?**
- ☐ אז דער גאנצער תכלית אויף דער וועלט איז ______________________.
- ☐ אז תאוות ממון קען ברענגען צו ____________.
- ☐ ______________________________________.

**צו ענטפערן די בחינות און אריינגיין אינעם גורל, 02-5-3333-72**

**1-518-329-9149**



הֶערְשִׁי שְׁטֵייט צְוִוישְׁן דִי גְרָאזְן, עֶר וִויל פָּאלְגְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'נְס עֵצָה, אוּן עֶר וִויל זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיטְן הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער, אָבֶער, זַיין מוֹיל אִיז פַארְמַאכְט! וִוי עֶס וָואלְט גֶעוֶוען פַארְשְׁפַארְט מִיט אַ שְׁלָאס! **אֶפְשָׁר הָאסְטוּ עֶפֶּעס אַ גוּטֶע עֵצָה פַאר הֶערְשִׁי?!**

אֲפִילוּ אוֹיבּ מֶען זָאגְט נָאר דִי וֶוערְטֶער אַלֵיין "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם" אִיז אוֹיךְ זֵייעֶר חָשׁוּב. **נָתָן, לָאנְדָאן**

וֶוען אִיךְ וִויל רֶעדְן צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן אָבֶּער אִיךְ זֶע אַז מַיין מוֹיל אִיז פַארְמַאכְט, נֶעם אִיךְ אַרוֹיס מַיין פֶעדֶער מִיט אַ בְּלַאט, אוּן אִיךְ נֶעם זִיךְ שְׁרֵייבְּן... טַאטִי. אִיךְ וִויל רֶעדְן צוּ דִיר אָבֶּער מַיין מוֹיל אִיז פַארְמַאכְט, הֶעלְף מִיר! אוּן אַזוֹי שְׁרֵייבּ אִיךְ וַוייטֶער אַלֶעס וָואס לִיגְט מִיר אוֹיפְן הַארְץ בִּיז מַיין מוֹיל עֶפְנְט זִיךְ! **אֱלִימֶלֶךְ**

אוֹיבּ אִיז מֶען נִישְׁט מַצְלִיחַ צוּ רֶעדְן, זָאל מֶען זִיךְ דֶערְמַאנֶען אִין רֶבִּי'נְס וֶוערְטֶער "אֵין שׁוּם יֵאוּשׁ בָּעוֹלָם כְּלַל. **צְבִי אֱלִימֶלֶךְ**

עֶר קֶען בֶּעטְן פוּן בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף דֶעם אַלֵיין "אַז עֶר זָאל הָאבְּן וָואס צוּ רֶעדְן!" **שִׂמְחָה, בֵּית שֶׁמֶשׁ**

דֶער גֶעוִוינֶער אִיז: **נַחְמָן צוּקֶער, יְרוּשָׁלַיִם כִּתָּה ו'**

צְרִיכִים תְּחִלָּה לִידֹּם וְלִשְׁתֹּק, רַק לְהַמְתִּין וּלְהִתְגַּעְגֵּעַ וּלְהִשְׁתּוֹקֵק עַל חַסְדֵי הַשֵּׁם.. וְאַחַר כָּךְ זוֹכִים עַל יְדֵי זֶה בְּעַצְמוֹ לְהִתְעוֹרְרוּת גָּדוֹל. (השתפכות הנפש)



וֶוען אִיךְ וִויל רֶעדְן צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן אוּן אִיךְ פִיל וִוי אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין טִיר אַרוֹיסְצוּזָאגְן אַ וָוארְט, גֶעבּ אִיךְ אַ שְׁרַיי: "אוֹי טַאטֶע הֶעלְף מִיר!!" אוּן עֶס אִיז גֶענוּג אַז מַיין מוֹיל זָאל זִיךְ עֶפֶענֶען. **שְׁלוֹמִי**

אִיךְ הָאבּ אַן עֵצָה פַאר הֶערְשִׁי, אוֹיבּ עֶר הָאט נִישְׁט וָואס צוּ זָאגְן. עֶר קֶען זָאגְן אַזוֹי: "אוֹיבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ הָאבּ נִישְׁט וָואס צוּ זָאגְן, בִּיטֶע, גִיבּ מִיר וָואס צוּ זָאגְן".

עֶר זָאל דַאוֶונֶען נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל בִּיז עֶס וֶועט אִים גֵיין. **יִצְחָק ק. יְרוּשָׁלַיִם**


הדפסת הגליון נתנדב
ע"י ר' מנחם ישראל ראטענבערג הי"ו
לרגל הולדת בנו למזל טוב

הדפסת הגליון נתנדב
ע"י ר' שמואל נחמן פאסטאג הי"ו
לרגל הולדת בתו למזל טוב